געשעען דורך דעם מלאך, נאָר האָט געמיינט, ער
10 זעט אַ חזיון. און ווען זיי זענען אַדורכגעגאַנגען
די ערשטע וואַך און די צווייטע, זענען זיי געקומען
צו דעם אייזערנעם טויער, וואָס פירט אין דער
שטאָט אַריין; פון זיך אַליין האָט עס זיך אויפֿ־
געמאַכט פאַר זיי; און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען
אינדרויסן און זענען אַדורכגעגאַנגען איין גאַס; און
פלוצלונג האָט זיך דער מלאך אָפּגעשיידט פון אים.
11 און קומענדיק צו זיך, האָט פּעטרוס געזאָגט: איצט
ווייס איך בּאמת, אַז דער האַר האָט אַרויסגעשיקט
זיין מלאך און מיך מציל געווען פון דער האַנט פון
הורדוס און דעם גאַנצן פלאַן פון יידישן פאָלק.
12 און ער האָט זיך מישב געווען, און איז אַוועק צום
הויז פון מרים, די מוטער פון יוחנן, וועמען מען
האָט גערופן מאַרקוס, וואו אַ סך זענען געווען
13 פאַרזאַמלט און האָבּן תּפילה געטון. און ווען ער
האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פונם טויער, איז
אַ דינסטמיידל—זי האָט געהייסן ראָדאַ—אַרויס־
14 געקומען הערן. און דערקענענדיק פּעטרוסנס קול,
האָט זי אויס פרייד אים נישט אויפגעמאַכט דאָס
טויער, נאָר איז אַריינגעלאָפן און האָט דערציילט,
15 אַז פּעטרוס שטייט בּיים טויער. זיי אָבּער האָבּן
צו איר געזאָגט: דו בּיסט משוגע. און זי האָט זיך
געהאַלטן בּיי אירס, אַז עס איז אַזוי (ווי זי האָט
געזאָגט). האָבּן זיי געזאָגט: עס איז זיין מלאך.
16 פּעטרוס אָבּער האָט געהאַלטן אין איין קלאַפּן. און
ווען זיי האָבּן אויפגעעפנט און אים דערזעען, זענען
17 זיי דערשטוינט געוואָרן. און ער האָט זיי געגעבּן
אַ צייכן מיט דער האַנט, זיי זאָלן שווייגן, און
זיי דערציילט, וויאַזוי דער האַר האָט אים אַרויס־
געפירט פון תּפיסה. און האָט געזאָגט: זאָגט עס